# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

ויקהל"פ
תשפ"א לפ"ק
גליון ק"ס

## פראגע

**וויאזוי קען א מאַן פרייליך מאכן זיין ווייב אויב ער קען זיך נישט ערלויבן צו קויפן טייערע זאכן?**

## ענטפער:

און דער ענטפער איז: דיאמאנטן מאכן קיינעם נישט פרייליך. ס'איז **דיאמאנט-ווערטער** וואס מאכן אויס! אויב א מאן מאכט א קאריערע שטענדיג מחזק צו זיין זיין ווייב, דאס איז וויאזוי ער וועט איר מאכן פרייליך. ווען זי מאכט נאכטמאל, דארף ער איר געבן א גוט ווארט. סיי-וואס זי טוט, דארף ער איר אויסלויבן. **"קמו בניה ויאשרוה בעלה ויהללה"**. דאס איז וואס עס שטייט אין משלי ווען עס באשרייבט די **אשת חיל**. איר מאן און קינדער שטייען אויף און לויבן איר פייערליך.

**התחזקות** – דאס איז וואס יעדער וויל. ס'איז נישט דא קיינער אין דער וועלט וואס האט נישט קיין תשוקה פאר חיזוק. און פארוואס זאל א ווייב זיין אנדערש?

במילא א אידישע פרוי וואס לעבט סוקסעספול אין איר הויז – אדער אפילו נישט סוקסעספול, אבער זי פרובירט – קען מען פרייליך מאכן אפילו אן קיין מתנות בכלל.

אודאי אויב איר מאן געדענקט פון צייט צו צייט איר צו קויפן קליינע, אומקאסטבארע מתנות, איז עס א גוטע זאך, אבער ער קען אלעמאל מאכן זיין הויז א פלאץ פון פרייליכקייט, נישט קיין חילוק די אומשטענדן.

ארימע מענטשן קענען זיין פונקט אזוי פרייליך ווי רייכע מענטשן. דאס איז א פשוט'ע זאך וואס איר דארפט נישט הערן פון מיר. אויב א מאן און ווייב לעבן מיט חכמה און חסד, אויב זיי לעבן מיט א געוויסע אהבה און כבוד, קענען זיי לעבן א גליקליכע לעבן וואס קיין שום געלט קען נישט קויפן. (#536)

## פראגע

**שבת דארף מען האבן ביי יעדע סעודה לחם משנה, צוויי חלות, און פסח צוויי מצות. פארוואס צוויי?**

## ענטפער:

וויל ס'איז א **רמז**. עס קומט אונז דערמאנען וואס איז געשען אין די אמאליגע טעג. ווען אונזערע אור-עלטערן האבן נישט געהאט קיין שום סארט נאטירליכע שפייז; בארץ לא זרועה, גארנישט איז נישט געוואקסן אין מדבר, און הקב"ה האט זיי געשפייזט דורכ'ן **נס פון די מן**, וואס איז עפעס וואס איז **אומפאַרגלייכבאר** נישט נאר אין די וועלטס היסטאריע, נאר עס האט אפילו נישט קיין גלייכן אין די אידישע היסטאריע. א נס וואס האט פאסירט יעדן טאג פערציג יאר אין א ציה! און עס האט נישט פאסירט נאר צו יחידים, נאר צו א גאנצע פאלק. עס איז אזא אויסטערלישע געשיכטע, אזא אטעם-פארכאפענדער נס, אז עס בלייבט נישט קיין פלאץ צו פארגאפט ווערן פון סיי-וועלכע אנדערע זאך וואס קען נאר אמאל פאסירן. דאס איז **דער גרעסטער נס פון אלע נסים – די מן!** א פאלק פון מיליאנען זענען געשפייזט געווארן פון גארנישט! יש מאין.

און יעצט ווען שבת איז געקומען זענען זיי געווארנט געווארן נישט צו קלויבן מן אום שבת. זיי האבן נישט געקענט ארויסגיין שבת צו טרעפן די מן, אבער ערב שבת האט זיי געטראפן צוויי פארציעס. אט דער איינדרוקספולע זאך איז נישט געשען נאר פאר דעמאלטס – ס'איז געווען א משמרת פאר אלע דורות. ס'איז געווען אן אויסטערלישע לימוד.

און עס איז ערווארטעט פון אונז אז מיר זאלן יעדן שבת טראכטן דערוועגן. ווען איר זעצט זיך אראפ ביים טיש און איר

זעט די צוויי חלות צוגעדעקט מיט א סחורה, א ווייסע צודעק פון אויבן און א ווייסע טישטוך פון אונטן, איז עס אזוי ווי די טוי וואס איז געליגן אונטער און העכער די מן. די מן איז אפגעהיטן געווארן בעסער ווי די בעקערס וואס מאכן ברויט און פאקט עס איין אין א וואקסענדע וואסער-באשיצטע איינפאק. יענץ איז געווען א הערליכע איינפאק. דאס איז אויף וואס מיר קוקן ביים שבת-טיש און מיר זעען צוויי חלות – אונז צו דערמאנען אז דער אויבערשטער איז דער וואס שפייזט אונז.

עס איז א לימוד אז פאר די וואס האלטן שבת וועט זיין "אל יחסר לנו מזון", עס וועט זיי גארנישט פעלן. מען קען האלטן שבת אגאנץ לעבן און נישט האבן קיין טראפ וויניגער ווי אנדערע! פונקט פארקערט – שבת ברענגט אריין די ברכה. איר וועט קענען רוען שבת; און אלעמאל האבן גענוג צו עסן.

שבת איז א טאג וואס בטחון ווערט די שטערקסטע פראקטיצירט.

## פראגע

**אין די ראמען פון מיינע געשעפטן טרעף איך מיר צומאל מיט אסימילירטע אידן. זאל איך זיי פרובירן צו באאיינפלוסן צו טון תשובה?**

## ענטפער:

איך מיין אז יא. מען דארף פרובירן צו באאיינפלוסן אידן פאר יעדע גוטע זאך וואס מען קען, אודאי. איר קענט זיי קויפן א סובסקריפשאן אין א פרומע אידישע צייטונג אדער מאגאזין; דאס איז די בעסטע וועג עס צו טון. ביסלעכווייז קען עס ארבעטן. נאך אלעם וועלן זיי עס נישט אריינווארפן יעדע וואך אין מיסט-קאסטן, און איין טאג וועלן זיי עסן פרישטאג וועלן זיי עס ליינען און אפשר וועט עפעס אריינגיין אין זייער מח. (#640)

## פראגע

**דער רב האט דערמאנט היינט אז מיר האבן א חיוב ליב צו האבן אלע פרומע אידן ווי ברידער. זאלן מיר אויך פארעכענען די מאדערן-ארטאדאקסישע אידן – וועלכע זענען ווייט אוועק פון די תורה השקפות וואס דער רב רעדט כסדר – אלס ברידער?**

## ענטפער:

אויסדרוקליך! די מאדערן-ארטאדאקסישע אידן זענען אונזערע ברידער. אויב א איד איז א שומר מצוות, אויב ער פרובירט צו האלטן די מצוות, דאן אפילו ער טוט נישט פונקטליך אלעס די וועג וויאזוי מיר טוען עס, איז ער נאך אלץ א ברודער. עס גייט מיר נישט אן וואסערע סארט יארמולקע ער טראגט; אויב ער טראגט א געשטריקטע קאפל אדער עפעס אנדערש, ער איז נאך אלץ מיין ברודער. א מענטש וואס האלט טהרת המשפחה, ער עסט כשר, ער האט א מזוזה אויף זיין טיר – אזא מענטש איז אונזער ברודער און מאכט נישט קיין טעות דערוועגן.

יעצט, אודאי מיינט עס נישט אז ער דארף זיין דיין ברודער און דו זאלסט זיך אריינציען אינעם זעלבן הויז ווי ער. עס מיינט נישט אז דו זאלסט שיקן דיינע קינדער אין די סקולס וואו זיינע קינדער גייען, אדער נאכגיין די מנהגים און לבושים וואס זיי האבן. עס מיינט נישט אז דו זאלסט זיך חבר'ן מיט אים. דאס איז שוין עפעס אינגאנצן אנדערש. **מיר חבר'ן זיך בלויז מיט די בעסטע ווייל מיר ווילן זיין די בעסטע**. אבער ווען דו זעסט אים אויפ'ן גאס, האסטו א מצוה פון ואהבת לרעך כמוך; מען דארף אים ליב האבן. דו דארפסט האלטן אין מחשבה אז ער איז דיין ברודער און דו האסט אים ליב.

ווען דעם ווען מען זעט סיי-וועלכע איד מיט א יארמולקע, דארף מען זיכער מאכן אים צו בענטשן. זאג, "ברכם טהרם רחמם צדקתך תמיד גמלם" – באשעפער, בענטש ביטע דעם איד מיט אלע גוטע זאכן. אזוי דארף מען טראכטן אויף אן אנדערן איד. אייביג זייט פריינדליך צו אנדערע אידן. שטענדיג פרובירט צו העלפן אנדערע אידן. אין הארץ זאלט איר טראכטן, "ער איז נישט קיין פרעמדער צו מיר, ווייל ער איז 'אחיך במצוות'; ווילאנג ער פרובירט צו היטן די מצוות איז ער מיין ברודער." און אפילו ער איז א חסיד פון אן אנדערן רבי, אדער אן אנדערע סארט פאליטישע מיינונגען, אף על פי כן, פארלירט נישט דעם בליק אז יסודות'דיג באלאנגט ער צו אונזער פאלק און דערפאר זענט איר מחויב צו טראכטן גוט אויף אים און אים ליב האבן. (#990)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










**$1**
א וואך
מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב